# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

ערב ראש השנה תשע"ו

**די באריכטן ווערן אַראָפּגענומען פון די וועכענטליכע אַפּדעטיס וואָס ווערן געהערט אויפ'ן "קול נטרונא" טעלעפאָן ליניע, און איז דעריבער, שטייגערליך, רעדאַקטירט ספּעציעל עס זאָל דינען דעם מינדליכן באַנוץ. די פאָלגענדע נייעס איז אַ בלויזער ציטאַט דערפון וואָס מיר שיקן צוליב דעם גרויסן פאַרלאַנג, ככתבו וכלשונו.**

# מראשית השנה ועד אחרית שנה; אן איבערבליק אויף דעם פארלאפענעם יאר שנת תשע"ה לפ"ק

## די סיסטעמאטישע רדיפה אויף כלל ישראל בכל ארצות פזוריהם און די פעולות חובקות פון הצלת ישראל וקידוש ה'

אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם. מיר שטייען שוין אצינד ביים שוועל פון די הייליגע טעג הבאים לקראתינו לשלום. אריינטרענדיג אין די ימי הרחמים והרצון, ווען כל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון, קוקן אידישע קינדער, איבער די גאנצע וועלט בכלל און יושבי ארצינו הקדושה בפרט, ארויס מיט צאפעלדיגע הערצער אז דאס יאר וואס קומט אויף אונז זאל זיין א ליכטיגער יאר פאר אידן אומעטום, דאס יאר תשע"ו הבעל"ט זאל שוין זיין דער אויסגעבעטענער יאר, 'מראשית השנה' א שנת אורה שנת ברכה און שנת קיבוץ גליות.

## ועל המדינות בו יאמר, איזה לשלום איזה למלחמה:

אידישע קינדער אין אלע לענדער און מדינות זענען במשך דעם יאר אריבערגעגאנגען שווערע רדיפות דורך די ציוני'סטישע פירער, וועלכע פרובירן מיט אלע מעגליכקייטן צו ערוועקן א פייער פון שנאת ישראל און אנטיסעמיטיזם.

דער ציוני'סטישער ראש הממשלה האט במשך דעם יאר אנגעזייט אסאך שרעק און פאניק ביי אידישע געמיינעס אין פראנקרייך, דענמארק, בעלגיע, טוניזיע, און אנדערע אייראפעישע

---

*גייענדיג צום דרוק:*

### "איראן דיעל" ווערט ענדגילטיג באשטעטיגט דורך די אמעריקאנער רעגירונג

סוקסעספולער דעמאקראטישער פיליבאסטער אין סענאט נעמט אוועק לעצטע שטרויכלונג, און באשטעטיגט ענדגילטיג דעם היסטארישן אפמאך, וואס וועט פארבלייבן פרעזידענט אבאמא'ס לעגענדע – ניו יארק טיימס: פיליבאסטער אנטפלעקט די אונטערגייענדע מאכט פון די איזראעלי לאבי אין אמעריקע

בעת מיר גייען צום דרוק קומט די נייעס אז די דעמאקראטן האבן דורכגעפירט א פיליבאסטער, ווען די רעפובליקאנער האבן נישט באוויזן צונויפצוקלויבן די נויטיגע 60 שטימען עס אפצושטעלן.

דער סוקסעספולער פיליבאסטער באדייט אז דער

2 1 [illegible]

---

# קול נטרונא

באַריכטן • אָפּהאַנדלונגען
אַנאַליזן • שיעורים • דרשות

718.873.0055

True Torah Jews Inc.
183 Wilson St. #162
Brooklyn NY 11211

Phone:
718.841.7053
Fax:
718.504.4513
Email:
info@truetorahjews.org

**מעמבערשיפ**
מיט נטרונא
**$360**
לשנה

### רצון קדשו של מרן רבינו הקוה"ט זצוקללה"ה

**... לדעתי אפשר לקבץ אפילו אלף אנשים מבני ישראל הכשרים שירצו להשתייך למסגרת זו... וזה יהיה כח גדול בע"ה....**

**אם אין לנו קיבוץ מאוחד של אנשים הרשומים בחבורתינו, אז מבטלים אותנו ואת כל פעולותינו, ואומרים, מי הם ? וגם באמעריקא אף שמדינה זו מרובה היא באוכלוסין, מכל מקום חבורה של אלף איש נחשבת כחבורה חשובה, ואפשר לקבץ אנשים גם משאר מדינות, מחוץ לגבולות ארצה"ב.**

לכל פעולה שרוצים לעשות נחוץ כסף לדבר, ובלעדי מעות אינו אפשר לעשות כלום, ולדאבונינו אין הפרוטה מצויה... ואין בדעתי ח"ו להטיל עול של סכום גדול על יחידים, אלא חושב אני שכל יחיד יתן בסך הכל רק 10 דולר לשנה, בתור דמי חבר, ומזה יתקבץ לערך סכום של 10,000 דולר לשנה, ובסכום כזה אפשר בס"ד לפעול הרבה..

(מספר בוצינא קדישא)

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

לענדער,

ער איז געטריי צו די ציוניסטישע אידעלאגיע פון פארשפרייטן שנאה און האס קעגן אידן בארצות גלותם.

באזונדער זענען אידן אין די פאראייניגטע שטאטן פארוואנדלט געווארן אין א רשעות'דיגע ציל - ברעט פון די מופקרים און רודפים אויף כלל ישראל. אנגעהויבן מיט דעם פרעצענדלאזן עזות'דיגע רעדע פון ביבי נתני' אין דעם אמעריקאנעם קאנגרעס, על אפו ועל חמתו פונעם פרעזידענט. און געענדיגט ביי דעם ווילגארישן העץ - קאמפיין איבער דעם "איראן דיעל", א געפארפולע שפיל וואס איז צום באדויערן אין פולסטן שוואונג מיט'ן דירעקטן ציל און תכלית צו פארשווארצן דאס פנים פון כלל ישראל אין אמעריקע, לקעקע ביצתן של ישראל און ברענען די פיס פאר'ן גלות איד.

אין ארץ ישראל גופא האט מען ליידער מיטגעלעבט בלוטיגע טעראר אטאקעס וואס האט גרויזאם פארגאסן אסאך אידיש בלוט, די מדינה הטמאה האט אריינגעשלעפט ערליכע אידן אין ארץ ישראל אין א בלאטע פון וואו מען קען זיך נישט ארויסזען נתננו ה' בידי לא אוכל קום.

פון דער אנדערער זייט האבן ערליכע אידן דאס יאר ב"ה זוכה געווען צו געוואלדיגע סייעתא דשמיא אין די פעולות חובקות צו אראפנעמען דעם נאסן ליילך פון אידישן פאלק און צוברעכן דעם פאלשן אימעזש אז די ציונים זענען אונזערע פארטרעטער און פארזארגער. א שטייגער ווי דער היסטארישער "עמיקעס קוריא" וואס איז פרעזענטירט געווארן דעם ווינטער צום העכסטן אמעריקאנעם סופרים קאורט אין וואשינגטאן און האט צום ערשטן מאל באוויזן צו ברעכן דעם מאנאפאל פון די ציונים אין די הויכע פענסטער.

דאס זעלבע האט מען אין סאמע ברען פון די קאנטערווערסיע ארום די טרויעריג בארימטע רעדע פונעם ראש הכופרים אינעם אמעריקאנעם קאנגרעס, געלאזט לויפן פאסיגע ראדיא רעקלאמעס פאר לאנגע וואכן, אלס אנטווארט אויף די התגרות פון דעם רודף ומסכן כלל ישראל, און ווען דער ריס צווישן וואשינגטאן און די מדינה האט דערגרייכט א קלימאקס אדאנק עזות'דיגע באנעמונג פונעם ראש הכופרים איז גלאבאל - פארשפרייט א קאסטבארע 'ווידיאו פרעזענטאציע' מיט א ווייטגרייכנדע קידוש ה' לעיני הגוים, און במשך דעם זומער איז ווידעראמאל געלופטערט געווארן צענדליגער ראדיא קאמירשעלס מיט דעם אידישן בליק אויף דעם 'איראן דיעל' סומוטאכע.

פארזעצונג פון זייט 1

סענאט קען נישט דורכפירן קיין געזעץ קעגן דעם דיעל, און אויטאמאטיש ווערט עס באשטעטיגט ווען עס גייען אדורך די 60 טאג וואס קאנגרעס האט געהאט באשטימט צו דעבאטירן דעם דיעל, און היות קאנגרעס קען יעצט נישט דורכפירן קיין געזעץ וואס זאל אנולירן דעם דיעל וויבאלד דער סענאט וועט עס נישט באשטעטיגן, מיינט עס אז ביז עטליכע טעג ווערט דער איראן דיעל אויטאמאטיש באשטעטיגט אלס געזעץ.

פאר פרעזידענט אבאמא יר"ה איז עס א דראמאטישער זיג, נאך וואס דער ראש הכופרים ביבי נתניהו און די גאנצע ציוני'סטישע לאבי האבן דערקלערט קריג קעגן דעם אמעריקאנער פרעזידענט, און ביז עטליכע וואכן צוריק האט נאך ביבי זיך געאייסערט אז ס'וועט אים געלונגען דורכצושטופן אין קאנגרעס און אינעם סענאט א געזעץ קעגן דעם דיעל, וואס וואלט געווען א שוידערליכער פראסק פאר אבאמא, וועלכער האט פארוואנדלט דעם איראן דיעל אלס זיין פערזענליכע לעגענדע וואס ער האפט אז מיט דעם וועט ער אריינגיין אין די היסטאריע ביכער. ער האט באלד ביים מעלדן דעם דיעל קאטעגאריש דערקלערט אז ער וועט וועטאאירן אויב קאנגרעס פירט דורך א געזעץ קעגן דעם דיעל, וואס האט געוויזן ווי שטייף און פעסט ער איז אנטשלאסן צו פארזיכערן אז דאס ווערט באשטעטיגט.

לדאבונינו האבן די ציוני'סטישע אינטערעסן אונטערגענומען א שוידערליכן העץ קאמפיין קעגן דעם דיעל, וואס איז שפעטער אריבער צו פערזענליכע געמיינע און עקלהאפטיגע אטאקעס קעגן דעם פרעזידענט מיט שוידערליכע התגרות באומות פארשרייענדיג אבאמא אלס אנטיסעמיט, און נאך שפעטער האבן זיי גאר אויסגעדרייט זייערע גיפטיגע פיילן אפילו קעגן אידישע קאנגרעסלייט און סענאטארן וועלכע האבן דערקלערט שטיצע פאר'ן דיעל, ספעציעל קעגן קאנגרעסמאן זשערי נאדלער, וועמען זיי האבן באצייכנט אלס 'פאררעטער', אדער גאר אלס 'נאצי', רח"ל.

פאריגע וואך איז שוין קלאר געווארן אז די וויסטע אטאקעס און העצעריי האט נישט געארבעט, ווען 34 סענאטארן האבן דערקלערט אז זיי וועלן שטיצן דעם דיעל, וואס האט באדייט אז די רעפובליקאנער וועלן נישט קענען האבן גענוג שטימען צו אפווארפן דעם פרעזידענטליכן וועטא. מער קילערע קעפ אין מדינת ישראל האבן זיך גענומען בעטן ביים צעהיצטן פרעמיער נתניהו אז כאטש יעצט זאל ער אויפגעבן דעם פארלוירענעם קאמף און אויפהערן די פערזענליכע מלחמה קעגן אבאמא, אבער דער דל גאה האט נאך אלץ פארגעזעצט צו קעמפן, האפנדיג כאטש אז ס'זאל דורכגיין א געזעץ קעגן דעם דיעל, אז אבאמא זאל ווייניגסטנס מוזן וועטאאירן דעם געזעץ.

צום גרויסן שטוינונג פון די ציוני'סטישע אינטערעסן האט זיך אין די ענדע ארויסגעשטעלט אז אזויפיל ווי 43 דעמאקראטישע (און אינדעפענדענט) סענאטארן האבן זיך ארויסגעשטעלט אין שטיצע פונעם דיעל, וואס האט געמיינט אז די דעמאקראטן קענען דורכפירן א פיליבאסטער און אפשטעלן די רעפובליקאנער אפי' פון בכלל דורכפירן א געזעץ אינעם סענאט! די פארלוירענע ציוני'סטישע לאבי האט זיך נישט געקענט גלייבן זייער דורכפאל. נאך נעכטן, מיטוואך נצבים, ווען דער סענאט האט אנגעהויבן דעבאטירן דעם געזעץ, האבן זיי זיך נאך געטרייסט מיט חלשות אז אפשר אפילו די סענאטארן

פארזעצונג אויף זייט 3

# נייעס און באַריכטן

### וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

## המה כרעו ונפלו ואנחנו קמנו ונתעודד:

מיט א בליק אויף צוריק האט די ציוני'סטישע טומאה אריינגעהויבן דאס יאר אסאך ביטערע קלעפ פון אלע זייטן בעת וואס דער מעסעזש פון תורה טרייע אידן ווערט מער און ברייטער דערהערט בעז"ה. אזוי איז געווען ביי די לאנג - פארצויגענע זובוטאוווסקי קעיס וואס האט זיך געענדיגט מיט א הילכיגן דורכפאל פאר די ציוני'סטישע אגיטירער, און דאס זעלבע זעט מען יעצט ביי די אפשטימונג פארן איראן דיעל, אז טראץ דעם אגרעסיווען טומל און די מיליאנען דאלערן וואס איזראעלי שטיצער האבן אינוועסטירט אין א קאמפיין דערקעגן, וועט דער ביל העכסט ווארשיינליך דורכגיין אין קאנגרעס אן קיין אפהאלט.

די ציוני'סטישע איינפלוס און מאכט אין וואשינגטאן איז אזוי געפאלן במשך די לעצטע תקופה, אז אלס ביישפיל האט די פאראייניגטע שטאטן יוסטיץ דעפארטמענט ארויסגעשטעלט אן אפיציעלע פארלאנג אז די עיפא"ק לאבי גרופע זאל באשטימט ווערן ווי אן אויסערליכע אגענטור פון די איזראעלי אויסערן אנגעלעגנהייטן מיניסטעריום. דאס איז אן אומגעהויערע מאראלישע און פינאנציעלע קלאפ פאר די לאבי וואס האט זיך יארן לאנג געזען ווי דער אויסשליסליכער און שטארקסטער ווארטזאגער פאר אלע אמעריקאנער אידן.

פון דער אנדערער זייט איז דער שטעלונג פון תורה טרייע אידן געווארן מער פארשפרייט און אויסגעברייטערט אויף א גרויסן פארנעם. מראשית השנה ועד אחרית שנה האבן די אלע פעולות ב"ה עושה רושם געווען איבער'ן גאנצן לאנד, און מען האט ב"ה דערגרייכט א ברייטן אוידיענץ און רעספעקטפולן סטאטוס, ווי קיינמאל בעפאר.

## ניו יארק טיימס ערוועגט פענאמען פון אמעריקאנער אידישע טעראריסטן ה"י:

פארשטענדליך אז די הייליגע ארבעט פון הצלת ישראל וקידוש ה' טאר זיך נישט אפשטעלן חלילה און מוז גיין פאראויס, אין א זמן וואס ציונות פיטערט דאס אנטיסעמיטיזם און שנאת ישראל אין אמעריקע אויף הויכע שטאפלן.

פארזעצונג פון זייט 2

וואס שטיצן דעם דיעל וועלן אבער נישט שטיצן דעם פיליבאסטער און לאזן דורכגיין דעם געזעץ און צווינגען דעם פרעזידענט צו וועטאאירן.

היינט דאנערשטאג נצבים איז געקומען דער גורל'דיגער מאמענט. די דעמאקראטן האבן דערקלערט א פיליבאסטער, און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז ס'איז נישטא קיין 60 סענאטארן וועלכע זאלן שטימען אפצושטעלן דעם דיעל! דערמיט האט זיך געענדיגט אלע שפעקולאציעס. פרעזידענט אבאמא איז ארויס מיט א מעכטיגן זיג און די ציוני'סטישע לאבי, און באזונדער ביבי נתניהו, האט געכאפט אזא הילכיגן פראסק וואס ס'איז מעגליך אז זי וועט זיך נישט קענען אויסקורירן דערפון!

דער ניו יארק טיימס האט גלייך דערקלערט אז אבאמא'ס זיג האט "אויפגעדעקט די אונטערגייענדע מאכט פון די איזראעלי לאבי קראפט וועלכע האט אויסגעגעבן מיליאנען דאלארן צו פארמיידן דעם דיעל".

*

פאר אידישע קינדער איז ספעציעל א שמחה אז דער דיעל איז ענדליך באשטעטיגט געווארן, דערצו מיט אזא מאכטפולן מעסעדזש. טראץ וואס "נטרונא" נעמט נישט קיין שטעלונג אויף דעם עצם דיעל, האבן מיר שוין מער ווי איינמאל קלארגעשטעלט דעם שרעקליכן געפאר וואס שטייט אויס פאר גאנץ כלל ישראל פון די וויסטע און זינלאזע העצריי וואס די ציוניסטן האבן אונטערגענומען צו פארוואנדלען די טעמע אלס א "אידישע טעמע" רח"ל - וואס לדאבונינו איז דער חלק זיי היפש געלונגען - און מ'קען זיך גארנישט פארשטעלן וואספארא שרעקליכע נאכוייען עס וואלט חלילה געברענגט אויף אלע אידן, ספעציעל אין אמעריקע, די שוידערליכע העצע וואס וואלט זיך אנגעהויבן אויב די ציוניסטן וואלטן חלילה וחלילה באוויזן אונטערצוברעכן דעם אמעריקאנער פרעזידענט.

ווער רעדט פון דעם שרעקליכן חרון אף וואס וואלט ערוועקט אויב עס וואלט זיך געענדיגט מיט מלחמה, די אלע אמעריקא'נע פארלוסטען זאלן זיין בקולר ציוניסטישע אידישע דרוק, בחסדי השם האפן מיר אז די אלע פחדים זענען א פארגאנגענהייט, און דער דיעל זאל זיין טאקע א טובה פאר אונז אלע און בפרט פאר אחינו יושבי ארה"ק.

ס'איז צום האפן אז יעצט ווען די פרשה איז שוין פארטיג, זאלן די אלע וועלכע זענען פארבלענדעט געווארן זיך אויפוועקן פון שלאף, אראפווארפן דעם שלייער וואס די ציוני'סטישע העצע האט אויף זיי ארויפגעווארפן, און אנערקענען די אומדערהערטע און פרעצעדענטלאזע שענדליכקייט פון די אקטן וואס זענען אונטערגענומען געווארן אין די לעצטע מאנאטן, ויה"ר שילמדו תועים בינה, און מ'זאל שוין בקרוב זוכה זיין צום טאג ווען די תפילות פון די ימים נוראים וועלן מקויים ווערן, ומלאה הארץ דעה את ה', וכל הרשעה כולה כעשן תכלה כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ. בביאת מלכא משיחא אכי"ר.

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטורנא" סיסטעם

אנומלט איז פארעפנטליכט געווארן א ברייט - פובליציטרטע ארטיקל אינעם ניו יארק טיימס, וואס באשולדיגט אמעריקאנער אידן אין די וואנזיניגע טעראר אקציעס דורך די ראדיקאלע מתנחלים. אונטער'ן קעפל "טעראריסטן אין איזרעאל, געבוירן אין די פאראייניגטע שטאטן", באציעט זיך דער ארטיקל צו דעם מארד פון א פאלאסטינער אכצן מאנאטיג קינד וואס איז אומגעברענגט געווארן פארגאנגענעם יולי 31 למספרם, דורך ראדיקאלע מתנחליש'ע טעראריסטן,עטליכע פון זיי אמעריקאנער אימיגראנטן און אפשטאמיגע.

דער טיימס זאגט אז ס'איז ניטאאמאל געווען א קליינע געשריי ביי די אידישע געמיינדעס. די מתנחלי'שע ראבייס און די פירער פון אמעריקאנער אימיגראנטן אין די וועסט בענק אומגעגנט האבן אראפגעשפילט די געוואלטאטן אדער זיך באגענוגט מיט שטילע קריטיק.

דער טיימס ווייזט אן אז די איזראעלי ש"ב האט לעצטנס ארעסטירט פיר יונגען וואס מען גלייבט אז זיי זענען פארבינדן מיט די לעצטיגע אקטן פון מתנחלים טערער, דריי פון זיי ציען זייער אפשטאם קיין פאראייניגטע שטאטן. דאס זעלבע האט א ברוקלין - געבוירענער מתנחל געשפילט א פראמינענטע ראלע ביי די קאר באמבאדירונג פון דעם מעיאר פון נאבלעס אין 1980, און א באלטימאר געבוירענער מתנחל האט אין 1982 געעפנט פייער אויפ'ן הר הבית אומברענגענדיג צוויי פאלסטינער און פארוואונדט 11.

לויט די אמעריקאנער גאווערמענט קוועלער און עטליכע אנדערע שטודיעס איז פארהאן א געשאצטע זעכציג טויזנט אפשטאמיגע פון אמעריקע וואס וואוינען אין די שטחים. די אלגעמיינע נומערן פון אמעריקאנער איזראליס - רעכנט אריין פרייע, רעליגיעזע און אולטרא - אורטאדאקסישע איזרעליס. א טייל פון זיי וואוינען אין די עקסטרעמע געביטן, און א מערהייט וואוינט אין די התנחליות נעבן ירושלים, אבער זיי אלע ווערן גערעכנט פון די גרעסטע אידעלאגישע שטיצער צו די התנחליות.

דאס הייסט אז די אמעריקאנער - אידישע אימיגראנטן אין די מדינה זענען פארוואנדלט געווארן אין א נאציאנאלע העלדן. די טעגליכע צייטונג "המעריב" האט פארדאמט אמעריקאנער אידן וואס "שיקן זייערע וואנזיניגע קינדער קיין ישראל", און אן איזראעלי זשורנאליסט האט זאגאר פארלאנגט זאכליכע שריט קעגן די "גאלדשטיינ'ס פון מארגן" (אן אנדייטונג צו דעם אידישן טעראריסט ברוך גאלדשטיין וואס האט דערשאסן צום טויט 29 פאלאסטינער אין מערת המכפלה פורים תשנ"ד) "דורך פארבאטן די אימיגראציע פון מיליטאנטישע אמעריקאנער אידן".

דער טיימס פירט אויס דעם בייסיגן ארטיקל אז מערסטנס אמעריקאנער מתנחלים פירער זענען שטיל אויף די לעצטיגע אקטן פון אידישע טעראריזים, אויב אט די אמעריקאנער אימיגראנטן גלייבן אז געוואלטאטן איז א פארברעך, דאן פארוואס האבן זייערע ראבייס נישט אפגעהאלטן קיין נייעס קאנפרענצן הויך צו פארדאמען די טעראריסטן אינערהאלב זייערע קאמיונעטיס און פאמיליעס ? וואו זענען די אפ-עד'ס אין אמעריקאנער און איזראלי צייטונגען צו אפשרייען ווילדע אידישע עקסטרעמיזים ? "אמעריקאנער אידן אין דערהיים און איבער די וועלט קענען מער נישט אנגיין מיט די בלינדע און רשעות'דיגע שטילקייט ווען עס קומט צו אידישע עקסטרעמיזים אין איזראעל. ס'איז די פליכט פון יעדן וואס זוכט פרידן און יוסטיץ צו אויסשפייען די טעראריסן און זייערע שטיצער פון אונז."

דאס ארטיקל פאלגט נאך מיט הונדערטער קאמענטארן פון ליינער און רעאגירער, וועלכע זענען צום באדויערן אנגעפולט מיט אפענע האס קעגן אידן און זייער שטיצע צו איזראעל, אלסביישפיל שרייבט א קאמענטירער: "די אידישע טאליבאן פון ברוקלין, ווען זייער ספאנסערס האבן א פראבלעם רופן זיי דשאוק שומער" און נאך אזעלכע סארט אויסדריקן אויף אמעריקאנער אידנטום. וואס שטרייכט אונטער דאס נחיצות פון פארשפרייטן דעם אמת אז אידן אין אמעריקע זענען חלילה נישט קיין טעראר שטיצער און ווילן נישט זיין א טייל פון די ראדיקאלע סענטימענטן וואס די ציוני'סטישע מופקרים בלאזן אויף.

## דאס נחיצות צו מאיר עינים זיין פאר אומוויסנדע אידן:

אין א זייטיגע נאטיץ לערנט אונז דער ארטיקל איבער דעם גרויסן חיוב אלס דער חובת השתדלות צו פרובירן ראטעווען אידישע קינדער אין אמעריקע פון אריינפאלן אין דעם נעץ פון די טומאה וועלכע האט שוין ליידער אזויפיל אפגעקאסט בגוף ובנפש.

ס'איז אן אומגעהויערע ווייטאָג צו צוזען אַזויפיל אידן וואָס זענען זיך ממש מוסר נפש פאַר די עבודה זרה הציונות, און באַזעצן זיך אין מקומות סכנה וואס ברענגט א געוואלדיגע חילול ה'. דער פאַקט איז אַז די מערהייט פון זיי זענען רעליגיעזע אידן, וועלכע רעדן זיך איין אַז זיי זענען מקיים מצוות ישוב ארץ ישראל, און ווי עס ווערט אצינד נאכאמאל באשטעטיגט אינעם טיימס זענען גאָר אַ סאַך פון זיי אַמעריקאַנער אידן וואָס זענען אַהינגעפאָרן און געמאַכט עלי' צו וואוינען אין די ערטער. יאָר-יערליך זענען דאָ נאָך גרויסע גרופעס ענגליש-רעדנדע אידן וואָס גייען אַהין, מיט די איינרעדעניש אַז זיי וועלן וואוינען אינעם ארץ האבות, און אַז דערמיט זענען זיי מקיים גרויסע מצוות.

זייערע כיטרע פירער און צייטונג שרייבער קאָרמען די מאַסן מיט סילופים און גילו פנים בתורה'ס, און צווישן די וואָס לאָזן זיך פאַרפירן זענען באמת דאָ אַ סאַך אומוויסנדע מענטשן, וואָס טוען עס מיט אַן ערנסטקייט, און ווערן אַריינגעכאַפּט אין די עבודה זרה און אַלע איר סכנות.

איינע פון די הויפט צילן פון נטרונא, זענען טאַקע אָט די אומוויסנדע אידן איבער די וועלט, איבערהויפט אין אַמעריקע, זיי אויפצוקלערן אַז די מדינה הציונות און די ישובים האָבן גאָרנישט מיט די תורה הקדושה, נאָר פאַרקערט, זענען אַ בגידה אין גזירת הגלות און ניאוץ בכבוד מלכותו יתברך.

איין שטאַרקער געצייג איז די 'פרשה פערלס', וואָס האָט מאמרים און עובדות פון צדיקים אויף די סדרה אויף ענגליש, דאס זעלבע איז מען ממשיך

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפערט געוואָרן אויף'ן "קול נטרונא" סיסטעם

בגאון ועוז מיט די שיעורים אין ספה"ק ויואל משה אויף ענגליש, און וועט פארשפרייט וועכענטליך פאר א ליסטע פון צענדליגער טויזענטער אידן, דאָס איז אַ געוואַלדיגער מיטל אַריינצוברענגן די השקפה הטהורה ביי די אידן, און עס האָט שוין ב"ה אויפגעטאָן גדולות ונצורות. און גאנץ לעצטנס האט מען ב"ה אויסגענוצט דעם זאב ברענער ראדיא שאו פלאטפארמע צו אויפקלערן די מאסן און עפענען די אויגן פון אומוויסנדע אידישע קינדער.

דורכאויס די יאָרן האָט נטרונא שוין צוריקבאַקומען פילע גרוסן אַז די אויפקלערונגען האָבן ב"ה אָפּ געהאַלטן אידן פון מאַכן עליה. אַ סאַך האָבן געזאָגט אַז עס האָט זיי אַריינגברענגט ספיקות אין האַרץ, וואָס איז גענוג געווען זיי צו ברענגן מקיים צו זיין שב ואל תעשה, און נישט איבערלאָזן זייער האָב-און-גוטס און נעמען דעם וואַנדער שטעקן צו מאַכן עליה.

מ'זעט גאָר אַ סאַך הצלחה אין די פעולות צווישן די אידן - וואָס אַסאַך פון זיי מיינען עס נעבעך ערנסט און האָבן קיינמאָל נישט געהערט קיין אַנדערן צד פון וואָס זיי האַלטן. די עסקנים פון נטרונא זאָגן אַז מ'קען ווען פיל מער אויפטאָן, ווען עס זאָל זיין די נויטיגע פינאַנצן צו דורכפירן פאַרשידענע פראָיעקטן ביי די אידן. מיט געלט קען מען מאיר זיין עיניהם של ישראל און ראטעווען אידישע קינדער בגוף ובנפש בעז"ה.

## א ווארט צום יום טוב של ראש השנה תשע"ז הבעל"ט:

דער רמח"ל אין זיין מאמר החכמה שרייבט אויף די תפלות פון ראש השנה: **אולם ביום ראש השנה האדון ב"ה עומד כביכול בבחינת מלך על עולמו, ועל כן הנה השעה ראויה להתפלל לפניו שיגלה מלכותו לגמרי בעולם, ויתוקן העולם על ידי זה. ועל עיקר הזה נבנה כל הנוסח המוסף הזה.** דער עיקר כונה פון די תפלות המוספין ראש השנה איז צו מתפלל זיין אויף דעם מלכות שמים עס זאל שוין נתגלה ווערן בעולם.

דער הייליגער לוצאטו זאגט ווייטער אז דאס איז די כונה פון דעם שטיקל ובכן צדיקים יראו וישמחו ועולתה תקפץ פיה, אז כדי עס זאל זיין דער גרויסער שמחה פון לעתיד לבא פאר אלע אידן און די גאנצע בריאה מוז קודם זיין אז "מדרגות הרשעה יכנעו ויתבטלו", די כוחות הטומאה זאל נכנע ווערן איבערהויפט דער כח הרע פון עמלק, **וזהו "ובכן צדיקים" - ועולתה תקפץ פיה", והעיקר בהעביר עמלק מן העולם, כי היתה השבועה שאין ה' והכסא שלם עד שימחה, וזהו "כי תעביר ממשלת זדון".**

דערפאר זאגט מען אויך די תפלה פון עלינו לשבח וואו עס ווערט צוערשט דערמאנט די ביטול הטומאה והעבודה זרה און נאכדעם דעם תיקון העולם מיט די מלכות השי"ת. **והנה תבער הטומאה מן הבריאה בכל בחינותיה, וזהו "להעביר גלולים" וכו', ואז לא יהיו עוד אלילים בעולם. והנה זה סדר התקון באמת, כי בתחילה צריך שיוסר הרע, שהוא מעכב את התקון, אחר כך יתוקן העולם, תיקון אחר תיקון, וזהו "לתקן עולם במלכות שקי".**

כה אמר ה' מלך ישראל וגואלו אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלקים. אינעם לעצטן דור איידער דער תיקון העולם במלכות שקי האט זיך אויף דער וועלט משתלט געווען דער פינסטערער קליפה וואס האט אויסגערופן א הכחשה אין די מלכות שמים, א מרידה אין די הנהגה פון דעם מלך ישראל וגואלו און א גאולת שקר אנשטאט די גרויסע גאולה פון ימלוך ה' לעולם אלקיך ציון לדור ודור. און ווי דער רמח"ל איז מבאר איז דאס די כונה פון די תפלות וואס מען בעט אין די הייליגע טעג אז די טומאה זאל שוין נכנע ווערן און דעמאלט וועלן מיר זוכה זיין צו דעם התגלות הקדושה.

אין די הייליגע טעג איז אונזער חיוב מתפלל צו זיין פאר אחינו בני ישראל יושבי אה"ק המקום ירחם עליהם ויוציאם מאפילה לאור גדול, מיר זאלן זוכה זיין צום ביטול פון די טומאה אן קיין שום צער ונזק פאר אידישע אידן. להעביר גילולים מן הארץ לתקן עולם במלכות שקי.

אין ספה"ק דברי יואל אויף ראש השנה דף ק"י איז מבואר באריכות אויף דעם מאמר חז"ל "מלך וציבור מלך נכנס לדין תחלה" אז אין די הייליגע טעג ווארט מען אין הימל צו זען אז אידישע קינדער זאלן זיך אננעמען פאר'ן כבוד שמים פון דעם מלך ישראל וגואלו.

ווי דער הייליגער דער קדושת יום טוב טייטשט דעם פסוק, לא תגורו מפני איש כי המשפט לאלקים הוא, ווען עס קומט די ימי הדין זאל מען נישט בלויז זיך פארכטן מפני איש, נאר געדענקן אז המשפט לאלקים הוא, ס'איז א משפט כביכול אויף די מלוכה פון השי"ת, און דאס דארף זיין דער זארג.

דער רבי ברענגט די ווערטער פון זוה"ק פרשת במדבר: 'ויהי היום ראש השנה הוה ויבאו בני האלקים להתיצב על ה', שכל הע' שרים מקטרגים על ישראל, ועל זה נאמר על ה', על ה' ממש. דינא קדמאה דכלא ביה מאן הוא דלא יוקיר לשמא דקודשא בריך הוא וכו', אוף הכי מאן הוא דלא חייש על יקרא דשמא קדישא דלא יתחלל בארעא'. אין דעם יום הדין ראש השנה הבעל"ט איז די ערשטע שאלה וואס ווערט געשטעלט ביים משפט אויב האבן מיר זיך גענוג אנגענומען אויפן כבוד פון רבוש"ע וואס ווערט פארשוועכט. אויב מיר האבן זיך געקימערט אויף די טייערקייט פון זיין הייליגן נאמען.

אט די גרויסע עבודה האבן אידן טאקע זוכה געווען צו זען און מיטלעבן בהילו נרו עלי ראשינו בחיים חיותו פון רביה"ק זי"ע. הזכירו לפניו השמיעו לפניו תורה ומעש"ט של שוכני עפר, וויפיל רבינו הקדוש האט מרעיש עולמות געוועהן אין די ימי הרחמים והרצון איבער דעם מלכות המינות וואס איז מעכב דעם מלכות שמים און איז מונע גאולתינו ופדות נפשינו.

ס'איז געווען מרגלי' בפומי' פון רבי'ן זי"ע ביי די תקיעת שופר דרשות צו נאכזאגן וואס איז מקובל פון קדושת זקנו דער ישמח משה זי"ע אז דער מלך המשיח קומט יעדן ראש השנה פרעגן ביים בי"ד של מעלה צו ס'איז שוין געקומען זיין צייט נתגלה צו ווערן און אידישע קינדער זאלן געהאלפען ווערן. אבער ווען מען ענטפערט אים ח"ו אז אידן זענען נאכנישט ראוי און ער וועט נישט קומען דאס יאר, לאכען פון אים די אלע שרי אומות העולם, און ער הייבט אן שטארק צו וויינען עד מתי עד מתי, און גייט אוועק מיט גרויסע בזיונות.

דער רבי פלעגט מוסיף זיין מיט א געוואלדיגע געוויין, אז אויב דער מלך המשיח איז שוין ליידער

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם



געוואוינט צו די בזיונות, איז אבער בימינו אלה די חרפה ובושה פונעם מלך המשיח אסאך גרעסער, ווייל דער ס"מ האט זיך ליידער משתלט געווען אויפן הייליגן לאנד, אין א בחינה פון שפחה כי תירש גבירתה. און אויך דער ס"ם לאכט פון אים אז ס'איז נאכנישט געקומען זיין צייט, וואס איז אים א דאפלטע צער און בזיון.

יעצט אין די זמנים פון המלכת השי"ת איז געוויס די ריכטיגע צייט טאקע חייש צו זיין 'ליקרא דשמא קדישא דלא יתחלל בארעא', דורך מחזק זיין און ארויסהעלפן די הייליגע פעולות וואס ווערן געטון דורכאויס דאס גאנצע יאר מפרסם צו זיין דעם כבוד פון השי"ת אויף דער וועלט און אראפנעמען דעם גרויסן חילול כבוד שמו יתברך וואס איז ליידער אזוי מושפל כשאול תחתי', אדאנק דער מלכות המינות וואס רופט אויס דעם כפר ישראל באלקיו, און איז מיט איר עצם קיום א הכרזה פון א מרידה אין די הנהגת הקב"ה וגזירת הגלות.

יזכור אהבתם ויחי' זרעם, אריינטרעדענדיג אינעם יום טוב ראש השנה שנת תשע"ו איז אמערסטנס מסוגל מעורר צו זיין אהבת ישנים, כל ההולך בדרכי אבות מזכירין לו זכות אבות. בשעת אידן ווען אין די הייליגע טעג דאווענען די פסוקי מלכיות, ווי חכמינו ז"ל זאגן אמרו לפני מלכיות כדי שתמלכנו עליכם, לאמיר זיך דערמאנען די נחלי דמעות וואס איז פארגאסן געווארן דורך דעם עמוד צלותהן דישראל רביה"ק מרן מסאטמאר זי"ע אין די טעג, מיט די גרויסע האפענונג פון והאללים כרות יכרתון די טומאה זאל שוין נעקר ווערן מתוך רחמים וחסדים. לאמיר דערביי צו געדענקן אז עס איז אויפגעשטאנען א חוצפה מלכותא בלא תגא וואס וויל זיך חלילה פארמעסטען מיט די מלכות שמים כביכול, און אונזער חיוב זיך אנצונעמען פאר דעם מלכות שמים און מקדש זיין שמו יתברך.

עס איז זיכער אז אין די ימי הדין איז בשמי מעל פארהאן א באזונדערע שמירה אויף די אידן וואס זארגן זיך און טוען פארן כבוד שמים, דאס איז דער גרעסטער מליצה ישרה בשמי מעל אז מיר ווייטאגן אויף דעם חילול ה' און מיר זענען זיך משתדל מקדש צו זיין שמו בתחתונים, דאס גיט פאר די אלע תומכים ומסייעים פאר די הייליגע פעולות א תקוה טובה לדורשיך ופתחון פה למיחלים לך.

לקדושים אשר בארץ המה ואדירי כל חפצי בם, רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע שרייבט אין זיין ברכת השנה שנת תשי"ט לפ"ק בנוגע דאס ענין פון מחאה קעגן די מלכות המינות לפני העמים והשרים, אז דאס איז דער גרעסטער הצלה פון אלע קטרוגים און דינים. ובלש"ק: **קידוש ש"ש זה המתיק את הדינין והסירה חרון האף במדה גדולה, ובזה סר מר הקטרוג הנורא, זכיתם אתם לקדש את השם ית"ש יש שכר לפעולתכם בזה ובבא.**

נטרונא האפט דעריבער און קוקט ארויס אויף אידן אחים לדעה, הבו גודל למקדשי ה', אידן זאלן זיך עפענען די הערצער און טאשן און אנטקעגן קומען מיט די נויטיגע סומעס וואס מען ברויך נאך האבן צו דעקן די ריזיגע הוצאות פון די אנגייענדע פעולות להצלת ישראל.

אין די געציילטע טעג וואס ס'איז פארבליבן ביז דעם יום טוב של ראש השנה, און אזוי אויך אין די וואך פון די עשרת ימי תשובה, ווען אידן געוויס אריינכאפן דעם גרויסן זכות צו נעמען א חלק כחלק אין דעם אפענעם קאמף מיט די טומאה וואס שפילט זיך יעצט אפ אין די טעג במידה גדושה, און זיך אננעמען פארן כבוד שמים המחולל, וואס איז דער דינא קדמאה דכלא ביה מאן הוא דלא חייש על יקרא דשמא קדישא דלא יתחלל בארעא'. אונזער שטיצע און הילף פארן כבוד שמו יתברך, אט דאס וועט זיין אונזער גאראנטי און אונזער פארזיכערונג, להוציא כאור משפטינו אין די הייליגע טעג הבאים לקראתינו.

מוסד הק' נטרונא וואונטשט פאר אלע תומכים ומסייעים און פאר גאנץ כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה, אידישע קינדער זאלן זיך אויסבעטן אלעס גוטס, תחל שנה וברכותיה בספר חיים ברכה ושלום ופרנסה טובה וגזירות טובות ישועות ונחמות, תפלות ישראל זאלן שוין פועל'ן א ליכטיג געבענטשט יאר, און כלל ישראל שוין דערלעבן די אמת'ע ישועה, שנה שתוליכנו בה קוממיות לארצינו, בב"א.